יעקב גלאַטשטיין

## אָנהייב

זאָלן מיר אפֿשר אָנהייבן קליין און וויגלדיק
מיט אַ קליין פֿאָלק?
מיד ביידע פֿאַרוואָגלטע צווישן פֿעלקער.
ערד־אַרבעטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
וועסט לעבן אויף קרבנות
פֿון אָנגעברענטן מעל.
איך וועל אַרומגיין און זאָגן פֿאָלקישע חכמות
וואָס וועלן פֿאַרבלײַבן אין אונדזערע גרענעצן.
אָבער ס'מינדסטע קינד וועט מיך
באַגריסן מיט גוט־מאָרגן.

זאָלן מיר אפֿשר ביידע גיין אַהיים
און צוריק אָנהייבן קליין פֿון סאַמע אָנהייב?

מעכטיקער יהוה, וואָס ביסט זיך צעוואָקסן
איבער זיבן הימלען און קאָנטינענטן
און ביסט געוואָרן אַ שטאָלענער וועלטגאָט,
מיט גרויסע קירכעס און סינאַגאָגעס.
האָסט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד, דעם שטאַל,
איך – דו ענגע ליבשאַפֿט פֿון מײַן פֿאָלק –
ווײ, מיר זײַנען ביידע געוואָרן אוניווערסאַל.
קום צוריק, ליבער גאָט, צו אַ פּיצל לאַנד.

**ווער אונדזערער אין גאַנצן.**

**איך וועל אויך אַרומגיין און זאָגן היימישע רייד,**

**וואָס מ'וועט זיי שמועסן אין די שטיבער.**

**מיר וועלןביידע זײַן פּראָווינציעל –**

**דער גאָט און דער פּאָעט –**

**און ס'וועט אונדז אפֿשר זײַן ליבער.**

**וועסט אָנהייבן פֿון קליינעם אמת,**

**נישט צוזאָגן קיין זיבן גליקן.**

**וועסט געדענקען דעם מענטש,**

**זײַן פֿלאייש, זײַן ביין, זײַנע חסרונות,**

**דעם ווײַן וואָס דערפֿרייט ס'האַרץ פֿון מענטש,**

**די פֿרייד פֿון לייב.**

**וועסט אים ליב האָבן אין די רגעס**

**ווען זײַן האַרץ וועט דאַוונען צו דיר מיט גלויבן.**

**דערווײַטערט וועסטו זײַן פֿון בלוט, האַק, מאָרד,**

**וועסט ליבערשטזײַן דער דערגרייכטער גאָט פֿון מנין,**

**איידער דער מעכטיקער גאָט פֿון גזלנים.**

**וועסט קומען נענטער צו אונדז**

**און מיר וועלן אָנהייבן צו שפּינען**

**נײַע מענטשלעכע דינים,**

**גילטיק פֿאַר דיר, פֿאַר אונדז.**

**זאָלן מיר אפֿשר אָנהייבן וויגלדיק און קליין**

**און וואַקסן מיט די גרענעצן**

**פֿון אַ געבענטשט לאַנד?**

**קינדער וועלן לאַכן מיט פֿרייד אונדז אַנטקעגן,**

**ווײַל מיר וועלן זײַן אָרעם און אמת,**
**דײַן געטלעכע ברכה וועט זײַן פּונקט גענוג**
**פֿאַר אַ רויִק און גוט פֿאָלק.**

**מײַן אייגן וואָרט וועט ווערן**
**דער וואַרעמער נחת פֿון אַ משפּחה.**
**דיינע נאָזלעכער וועלן שמעקן**
**דעם סולת פֿון אַ פֿאָלק,**
**וואָס האָדעוועט זײַן גאָט**
**מיט אַל דאָס גוטס.**
**מיר וועט מען אויך קאָרמען און צערטלען ווי אַ קינד.**
**און איר וועל פֿאַרוויגט ווערן**
**אין אַ ענג־באַקוועמער באַרעמפּטקייט.**
**און קיינער וועט אויסער די גרענעצן**
**נישט הערן –**
**נישט דײַן נאָמען און נישט מײַנעם.**

**זאָלן מיר אַפֿשרביידע גיין אַהיים?**
**זאָלן מיר אַפֿשר ביידע, געשלאָגענע, גיין אַהיים?**
**אתּה בחרתּנו.**

**דו האָסט אונדז אויסגעקליבן.**
**מ'האָט אונדז ביידע גאַרשריגן פֿאַר גרויס.**
**כּדי מ'זאָל אונדז צעשטויבן און צעשפּרייטן**
**און מאַכן אויס.**
**דיך האָט מען אויסגעשטערנט איבער אַ גאַנצער וועלט.**
**ווי קומען צו דיר גרויסע פֿעלקער?**

**ביסט שטיל און נחתדיק**

**און אין גאַנצן אַן אונדזעריקער.**

**פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרלאָזט דײַן משכּן,**

**דײַן קליין געצעלט.**

**און אַוועק צו ווערן דער גאָט פֿון אַ וועלט?**

**זײַנען מיר געוואָרן דײַנע זינדיקע קינדער,**

**די זײַלן־שאָקלער, וועלטן־צינדער.**

**דאָס ביסטו פֿריער פֿון אונדז געוואָרן אַ ייִדישער אינטערנאַציאָנאַל.**

**מיר זײַנען דיר נאָכגעגאַנגען אין דער וועלט,**

**ראַטעווע זיך און קום מיט די עולים**

**צוריק צו אַ קליין לאַנד,**

**ווער ווידער דער ייִדישער גאָט.**